# פרשת כי תצא ח׳ – י״ד אלול תשע״ה לפ״ק

***יום ראשון פרשת כי תצא***

בשעות אחר הצהרים בחן **רבינו שליט״א** את תלמידי ישיבתנו הק׳ על מה שלמדו במשך השנה.

*

***יום שני פרשת כי תצא***

בשעות אחר הצהרים הגיעו תלמידי כיתה ט׳ של התלמוד תורה בוויליאמסבורג (כיתה של הר״ר **משה מרדכי קריינדלער** שליט״א) להיבחן על פרק שני ממסכת קידושין שלמדו במשך השנה. אחר המבחן נשא **רבינו שליט״א** לפניהם דברי חיזוק.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** האב א גרויסע הנאה, אז מען האט זייער פיין געקענט. אז מען לערנט, קען מען, און אז מען לערנט נישט, קען מען נישט. און אז מען האט געקענט, איז א סימן אז מען האט פלייסיג געלערנט. איך האב באקומען זייער שיינע גריסען פון ענק, ווי אזוי מען האט זיך אויפגעפירט דעם זומער. מען דארף נאר משלים זיין דאס ביסל וואס מען איז נאך אין דעם זמן, און אז דער סוף איז גוט, איז אלעס גוט. אבער אויב מען פאר׳הרג׳עט דעם סוף, האט מען קאליע געמאכט וואס מען האט אויפגעטון ביז יעצט. איר זענט שוין בחורים, איר גייט שוין יעצט ארויס פון חדר, דארף מען זעהן אז עס זאל זיך צוענדיגן מיט א גוטען טעם.

**און** מען דארף וויסען אז יעצט הייבט זיך אן דער עיקר עבודה. מען איז מער נישט קיין קינדערלער, מען גייט ארויס פון חדר, און מען הייבט אן צו גיין אין ישיבה, מען הייבט אן א נייעם סדר אינעם לעבן, דארף מען זיך מקדיש זיין פאר תורה. ווילאנג מען איז נאך יונגלער, שפילט מען זיך, און מען לערנט, עס איז אזוי און אזוי, אבער **ווען מען ווערט א בחור אין א ישיבה דארף מען וויסען, אז עס איז מער נישט דא די אלע קינדערישע זאכען. מען דארף לערנען מן הבוקר עד הערב, עס הייבט זיך אן פארטאגס, און מען ענדיגט ביינאכט. מען דארף שוין לערנען טיפער ווי מען האט געלערנט ביז יעצט, און זיך פלאגען אויף יעדע זאך וואס מען לערנט, און דעמאלטס איז מען מצליח.**

**כל** התחלות קשות (רש״י שמות יט-ה), דער אנהייב איז שווער, אבער סוף הכבוד לבוא. און עס איז כדאי אז מען זאל אוועקגעבן די פלאג אויף תורה, ווייל דער סוף וועט זיין, אז מען פארדינט דערויף. כך היא דרכה של תורה, חיי צער תחיה, עס הייבט זיך טאקע אן מיט חיי צער, אבער אם אתה עושה כן, אשריך וטוב לך, אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד), מען רעדט נישט יעצט פון וטוב לך לעולם הבא, אז עס וועט גוט זיין לעולם הבא, נאר אשריך בעולם הזה. **עס האט גאר אן אנדערען טעם ווען א בחור וואקסט אויס א תלמיד חכם, צו ער קוקט אויס אזוי ווי די באמ״ס, וואס דרייען זיך ארום אויף די גאס. יעדער האט א בחירה, קיינער ווייסט נישט וואו מען קומט אן, עס ווענט זיך אלעס אין די אייגענע הענט. אז מען לערנט פלייסיג, און מען ליגט אין תורה הק׳, דעמאלטס וואקסט מען אויס.**

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער מצליח זיין, און לערנען פלייסיג, זיך אויפפירן ערליך מיט יראת שמים, און דאווענען ערליך. עס קומען די הייליגע טעג, עס הייבט זיך יעצט אן סליחות, ראש השנה, עשרת ימי תשובה, און יום הקדוש, עס איז טעג פון תפלה, **און א בחור וואס הייבט יעצט אן א נייעם שטאפל אין זיין לעבן, דארף אסאך מתפלל זיין, אז עס זאל אים אלעס געלונגען. ער זאל אריינקומען אין ישיבה ווי עס דארף צו זיין, ער זאל זיך קענען טרעפן א חברותא, און ער זאל זיין צופרידן מיט זיין מגיד שיעור, ער זאל זיין צופרידן פון די ישיבה, עס איז דא אסאך זאכען וואס מען דארף מתפלל זיין דערויף, אז מען זאל האבען די הצלחה דערצו.** זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל קומען א גוט געבענטשט יאר, און מען זאל ווייטער מצליח זיין, און שטייגען אין תורה און עבודת ה׳.

*

אחר תפלת מנחה התקיים סעודת הילולא של **הגה״ק רבי יונתן שטייף זצוק״ל** אב״ד דקהלתנו הק׳, ביחד עם סיום חדשי הלימודים במחנה הקיץ לטובה. בסעודה השמיע המנהל הרה״ג רבי **פישל לעווי** שליט״א דברי

חיזוק לתלמידי הישיבה. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בברכת המזון נתכבד הר"ר **צבי שטייף** הי"ו (מאנסי).

***וזה תוכן השיחה:***

**בשעת** מען געזעגנט זיך פונעם קעמפ, דארף יעדער איינער פריוואט אפגעבן א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, אויף די געוואלדיגע הצלחה וואס מען האט געהאט אין משך פונעם יאר, און בעיקר אין די צוויי חדשים וואס מען איז געווען דא אין קעמפ, אפגעזונדערט פון די וועלט. מען האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיט קיין שום זאך וואס טוט זיך אויסער די ד' אמות של הלכה, און מען האט עס ב"ה אויסגענוצט. איך קען זאגען אז איך בין ארויס פון התפעלות ווען איך האב פארהערט די בחורים, ווי שיין מען האט געענטפערט אויף וואס מען האט געלערנט. דער באשעפער זאל העלפען, אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין דערמיט.

**מען** בעט יעדן טאג ביים דאווענען, אבינו אב הרחמן המרחם רחם עלינו, ותן בלבנו בינה, דער באשעפער זאל אונז געבן פארשטאנד, להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות. לכאורה דארף מען בעטן אויף בינה, צום סוף. דער אייבערשטער זאל אונז קודם געבן לשמוע, אז מען זאל קענען אויסהערן וואס מען לערנט, ללמוד, מען זאל קענען לערנען, להבין ולהשכיל, און נאכן לימוד, נאכדעם וואס מען הייבט אן צו לערנען, דארף מען אריינגיין טיפער און פארשטיין נאכמער. פארוואס הייבט מען אן אבינו אב הרחמן המרחם רחם עלינו, און מען הייבט גראד אן צו בעטן ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל. להבין ולהשכיל איז דאך נאר א מדריגה אינעם לימוד התורה, פארוואס הייבט מען אן מיט דעם.

**דער** פשט דערפון איז, **נישט אייביג האט מען דעם שכל ווען מען איז יונג, אויפצוכאפן וואס מען לערנט, און צולייגען די אויערן צו יעדעס ווארט וואס מען הערט פון א מגיד שיעור, צו פונעם מנהל, און עס מקבל זיין. מען איז נאך יונג, און מען דארף ערצויגען ווערן. א זאך וואס מען רעדט ברבים, איז נישט ווייל מען האט נישט געהאט וואס צו טון, האט מען גערעדט. עס איז הדרכות וואס יעדעס ווארט וואס מען הערט, איז נוגע. און מען דארף וויסען, אז עס איז נוגע פאר מיר. און טראכטען ביי זיך, ווי אזוי קען איך זיך פארבעסערן אין דעם ענין וואס מען רעדט.**

**מען** בעהט פונעם אייבערשטען, 'ותן בלבנו בינה', דער אייבערשטער זאל אונז געבן פארשטאנד, 'להבין ולהשכיל', אז מיר זאלן קענען פארשטיין, וואס זאלן מיר קענען פארשטיין, 'לשמוע', אז מען זאל הערן, 'ללמוד', און מען זאל זיך לערנען. מען דארף האבען בינה אויף דעם אליין, לשמוע, צוצולייגען א אויער און הערן, ללמוד, און האבען שכל אויפצונעמען דאס לערנען, אויף דעם דארף מען אויך האבן בינה. און נאכדעם וואס מען האט זוכה געווען ללמוד וללמד לשמור ולעשות, בעהט מען 'והאר עינינו בתורתך', אז דער אייבערשטער זאל אונז מאיר זיין די אויגען אין תורה, ודבק לבנו במצותיך.

**עס** איז יעצט חודש אלול, די חודש פון תשובה, מען גייט אריין אין די ימי התשובה. ביי די שמונה עשרה הייבט מען אן די ברכה פון תשובה, השיבנו אבינו לתורתך, וקרבנו מלכנו לעבודתך, והחזירנו בתשובה שלימה לפניך, בעפאר מען בעהט אז דער אייבערשטער זאל אונז צוריקברענגען צו תשובה, זאגט מען השיבנו אבינו לתורתך, טו אונז צוברענגען קודם צו תורה. ווייל **ווען מען האט תורה, וועט די תורה צוברענגען דערצו, אז מען זאל תשובה טון. אויב עס פעלט תורה, מען ליגט נישט אין לערנען, איז אפילו מען האט אמאל א הרהור תשובה, גייט עס אדורך, און עס ווערט פארגעסן, און עס ווערט אפגעלאזט פונעם מענטש.** 'השיבנו אבינו לתורתך, וקרבנו מלכנו לעבודתך', און נאכדעם קען מען בעטן 'והחזירנו בתשובה שלימה לפניך', אז דער אייבערשטער זאל אונז מחזיר בתשובה זיין.

*

**מען** האט פריער גערעדט, פון די סייעתא דשמיא וואס איז דא אין די ישיבה. עס איז היינט די יארצייט פונעם גרויסן צדיק, **רבי יונתן שטייף**

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**, וואס האט אראפגעלייגט די יסוד פאר די קהלה. און די סייעתא דשמיא וואס איז דא, איז אלעס בכוחו של אותו זקן, וואס האט אראפגעלייגט דעם ערשטען יסוד אויף די קהלה, און דאס טוט זיך ציען ווייטער. איך בין אויך געקומען אין די קהלה, דעם היינטיגן טאג, די טאג וואס איז געווען די הסתלקות פון **רבי יונתן זי"ע**.

**איך** האב שוין אמאל נאכגעזאגט, אז בעפאר איך בין דא געווארן רב, בין איך געווען ביים **ספינקער רבי'ן, רבי הערשעלע זצ"ל**, נעמען א ברכה. האט מיר רבי הערשעלע דעמאלטס גענזאגט, איך האב געקענט רבי יונתן, איך בין אסאך מאל געווען ביי אים אין שטוב. ער האט געהאט א סאך ספרים, און אלץ יונגערמאן האב איך נישט געהאט קיין ספרים, און ווען איך האב געוואלט עפעס נאכקוקען, פלעג איך ארויפגיין צו רבי יונתן אין שטוב, און דארט געקוקט וואס איך האב געדארפט. און רבי יונתן איז געזעסן ביים טיש און געלערנט, און ער פלעגט אסאך מאל צו קרעכצען אינמיטן פונעם לערנען. האט ער געזאגט, אזא סארט קרעכץ וואס איך האב געהערט פון רבי יונתן, האב איך נישט געהערט נאר פון מיין זיידן דער **חקל יצחק**. האב איך פארשטאנען, אז די קהלה וועט אמאל ווערן זייער א שיינע ערליכע קהלה, און איך האב הנאה אז איר ווערט דארט רב, און איר זאלט זעהן דארט צו פארשפרייטען תורה און יראת שמים. דאס איז דער יסוד וואס מען האט אראפגעלייגט אויף דעם פלאץ, וואס דאס געבט די סייעתא דשמיא אויף שפעטער אויך.

*

**מען** גייט אהיים מיט אזויפיל תורה וואס מען האט דא געלערנט. מען האט שוין גערעדט ביי שלש סעודות און מען האט פריער אויך גערעדט, אז יעצט, ווען מען גייט ארויס אויפן גאס, הייבען זיך אן די נסיונות. אין ישיבה דארף מען רעדן פון שמירת הזמנים, און ווען מען קומט אריין אין שטאט דארף מען רעדן פון שמירת עינים. מען זאל זיך נישט דרייען אויף די גאסן. יעצט ווילאנג מען איז נאך דא, זאל מען זיך נעמען א חברותא אויף די פאר טעג, ביז עס הייבט זיך אן ישיבה, און זיצען אין בית המדרש און לערנען. **ווען מען גייט אויף די גאס דארף מען נישט גיין מיט אפענע אויגן, נאר מען דארף גיין מיט אראפגעבויגענע אויגן. מען דארף נישט אלעס זעהן, מען דארף נישט זיין נייגעריג צו וויסען אלעס וואס טוט זיך. מען האט נישט קיין ברירה, מען מוז גיין פון שטוב אין בית המדרש, און פון בית המדרש צוריק, אבער מען דארף זיין אפגעהיטן בשעת מען גייט.** און עס איז דא דערצו א ראיה פון די גמרא (ב"ק כז:), איבעי' ליה לעיוני ומיזל, איז א סימן אז מען דארף אראפקוקען, ווייל טאמער מען דארף נישט אראפקוקען אויף די ערד, ווייסט ער דאך נישט אז עס איז דא דארט עפעס, וואס ער זאל זיך דארפן היטן דערפון. מען דארף זיך אכט געבן די אויגן, און נישט קוקען ווי מען דארף נישט. און בכלל דארף מען זיך נישט אומקוקען אסאך, קיין קדושה און יראת שמים שעפט מען נישט אויף די גאס, נאר אין בית המדרש. אז מען גרייט זיך צו, און מען וויל זיין ערליך, איז דא סייעתא דשמיא, הבא ליטהר מסייעין אותו (שבת קד.).

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען אויסנוצן ווייטער אויך אונזער לעבן פאר תורה און עבודות ה', דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, און קענען ווייטער מקבל זיין אויף זיך דעם עול פון תורה, און דעם עול פון יראת שמים, און מיר זאלן זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר, בביאת משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת כי תצא***

אחר תפלת מעריב עבר **רבינו שליט"א** למסיבת פרידה שהתקיימה בישיבת עסק התורה ראחמיסטריווקא (השוכנים בשטח החדש ליד הקעמפ (סקיי-וויאו), שמה נבנתה בנין בית המדרש החדש והמפואר, המיועד להישיבה גדולה דקהלתנו הק' הפותחת שעריה בשנה הבעל"ט בעזו"ה). **אחר** שנשא דברים הרה"ג **רבי מרדכי פנחס טווערסקי** שליט"א ר"י ראחמיסטריווקא, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לבחורי הישיבה.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** וויל זיך קודם באדאנקען פאר די חשובע ווערטער וואס דער ראש ישיבה האט פריער

גערעדט, פון אונזער זייט איז עס אויך געווען א געוואלדיגער זכות, וואס מען האט געקענט זיין צוזאמען. מיר זענען שוין פיר זומער'ס אינאיינעם, וואס יעדער קבוצה איז משפיע איינער אויפן אנדערן לטובה. דער באשעפער זאל העלפען ווייטער אויך, אז דער ראש ישיבה זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט הרחבת הדעת.

**מען** האט פריער געזאגט, אז דער פלאץ איז שוין אזויפיל יארן א מקום תורה. דער פלאץ דארט (במחנינו) איז שוין אלט איבער זעכציג יאר, וואס מען לערנט דא, **הרב קאפעלמאן זצ"ל**, נאך בעפאר ער איז געגאנגען אויף די שווייץ, האט ער געהאט דא די ישיבה. דער מקום פון דעם נייעם בית המדרש דא, האט א גלח געהאט דא א קאנטרי, בערך צען באנגעלויס איז געווען דא אויף דעם פלאץ, און די ישיבה ביי אונז פלעגט אפדינגען די באנגעלויס, און די מגידי שיעורים פלעגן איינצושטיין דא אויף דעם מקום. ביז ער האט אנגעהויבן צו בעטן זייער אסאך געלט פאר דעם פלאץ, און דער פריערדיגער **וויענער רב זצ"ל** האט נישט מסכים געווען מען זאל אים געבן אזויפיל געלט, האט מען דעמאלטס געמאכט די באנגעלויס אקעגן איבער. און דער **וויענער רב זצ"ל** האט דעמאלטס געזאגט, אז ער וועט עס נאך אמאל איבערלאזן פאר אונז אינגאנצן. וכן הוה. עס איז אדורך יארן און די פלאץ איז געווארן אויסגעשפילט, און ער האט נישט געהאט קיין געלט אז ער זאל עס קענען אויפהאלטן, און ער האט עס איבערגעלאזט אויף הפקר, און די שטאט האט עס איבערגענומען, און מען האט עס נאכדעם איבערגענומען פאר די ישיבה.

*

**מען** זיצט ביי א סעודה סוף פונעם זומער, איך ווייס נישט, צו די בחורים שעצן געגוג, וויפיל מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען, אז עס גייט אדורך א יאר וואס מען האט געקענט פלייסיג לערנען אין ישיבה, און אז מען קען פארברענגען אינעם זומער אין אזא הייליגען אויר, ווי מען איז אויסגעטון פון די וועלט. עס איז נישט געווען דא עפעס אנדערש, נאר עסן טרינקען און שלאפן און לערנען און דינען דעם אייבערשטען. מען געפונט אין גמרא (ברכות כח:) אז יעדן טאג ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש, דארף מען אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, ששמת חלקי מיושבי בית המדרש. און כל שכן ווען עס גייט אדורך א גאנץ יאר, דארף מען אוודאי אפגעבן א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, אז מען האט געקענט אויסנוצן די צייט, און לערנען פלייסיג.

**איך** האב געזען אין **חתם סופר** (בליקוטים על תהלים, סוף ספר דברים, דף קנה), אז די גמרא (מגילה ו:) זאגט, יגעתי ומצאתי תאמין, אז מען פלאגט זיך אויף תורה וועסטו טרעפן. לא יגעתי ומצאתי, איך האב זיך נישט געפלאגט, און איך האב געטראפן, אל תאמין. און פארקערט אויך, יגעתי ולא מצאתי, ווען א מענטש זאגט איך האב מיר געפלאגט און איך האב נישט מצליח געווען, גלייב אים נישט. עס איז נישט שייך אז א מענטש זאל זיך פלאגען, און ער זאל נישט מצליח זיין. נישט אייביג זעהט א בחור דעם מציאה אין זיין יגיעה, עס איז אים שווער געגאנגען, ער האט זיך געפלאגט, און ער זעהט נישט אז ער האט מצליח געווען. אבער עס איז נישט אזוי, **יעדע בחור איז מצליח. יעדע וואך וואס עס גייט אדורך, און ער האט צוגעלערנט נאך א עמוד גמרא, נאך א בלאט גמרא, האט ער געהאט א הצלחה. ער זעהט עס נאר נישט, אבער די תורה האט אים אויסגעאיידלט, און עס האט אים אויסגעשארפט די קאפ צום לערנען.** אין יעדע ווארט תורה וואס מען לערנט, קומט צו א מציאה וואס מען האט געטראפן.

**איך** זאג אסאך מאל א משל, א מענטש האט א צוזאמגעצויגענע בלום, און מיט די צייט עפענט זיך עס. מען קען נישט זעהן ווען די בלום עפענט זיך. ער קען קוקען דערויף א גאנצן טאג, און ער וועט גארנישט זעהן. אבער ווען עס גייט אדורך א טאג צוויי דריי, און ער קומט צוריק, זעהט ער אז עס איז א אנדערע סארט בלום, פון ווען ער האט עס אראפגעלייגט אויפן טיש. ער זאל קוקען ווי אזוי דער בלום קוקט אויס פרייטאג צו נאכטס, און ווי אזוי עס קוקט אויס שבת נאכמיטאג, וועט ער זעהן אז עס האט זיך געעפענט. אבער מען קען נישט זעהן ווען עס האט זיך געעפענט, עס עפענט

זיך א משהו און נאך א משהו, ביז עס ווערט א שיינע בלום. אזוי איז א מענטש אויך, כי האדם עץ השדה (דברים כ-יט), יעדער וואס פלאגט זיך האט א מציאה, ער טרעפט.

**די** גמרא (שם) זאגט אבער, אז איין זאך איז דא, וואס אפילו מען פלאגט זיך, איז נישט קיין הכרח אז ער וועט עס טרעפן. הני מילי לחידודי, צו לערנען און זיך צו שארפן די קאפ, איז תלוי אין יגיעה. אבער לאוקמי גירסא, סייעתא דשמיא. די גמרא זאגט נישט וואס די סייעתא דשמיא איז, אבער עס שטייט אין רש"י, אז דאס איז יראת ה'. יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), ווען א יוד האט מורא פונעם אייבערשטען, ער האט מורא צו טון אן עבירה, ער ציטערט צו טון אן עבירה, ווען עס קומט א נסיון צו זיין האנט, אנטלויפט ער דערפון. אזוי ווי ער האט מורא צו נעמען סם אין דער האנט, האט ער מורא פון אן עבירה. דאס האלט די תורה.

**אין** לאוקמי גירסא איז דא צוויי פשטים וואס דאס מיינט. רש"י טייטשט אז עס גייט ארויף אויף זכרון. ווען א מענטש פלאגט זיך, וועט ער קענען. אבער אז ער זאל געדענקען דאס לערנען, און עס נישט פארגעסן, האט נישט צוטון מיט יגיעה, נאר עס האט צוטון מיט סייעתא דשמיא. ויש יגע ואינו מוצא (לשון רש"י שם), מען קען זיך אמאל פלאגען און ווען עס קומט סוף יאר, און ער דארף איבערחזר'ן וואס ער האט געלערנט, כדי ער זאל געדענקען, גייט עס אים נישט אזוי ווי ער האט געוואלט, ווייל עס איז תלוי אין סייעתא דשמיא.

**די** צווייטע פשט אויף לאוקמי גירסא, איז צו פארשטיין קלאר דאס לערנען, אז ער זאל מכוין זיין לאמיתה של תורה. וה' עמו (שמואל א טז-יח) דרשנ'ט די גמרא (סנהדרין צג:) אז הלכה כמותו בכל מקום. אז א מענטש זאל זוכה זיין לאמיתה של תורה, דארף מען האבען סייעתא דשמיא. מען קען לערנען קרום אויך. ער קען זיך פלאגען, און ער וועט פארשטיין, אבער עס איז נישט די אמת'דיגקייט פון תורה. אז מען זאל צוקומען לאמיתה של תורה, דארף מען האבען סייעתא דשמיא.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, ביידע זענען אמת. מען דארף האבען סייעתא דשמיא אויף געדענקען, און מען דארף האבען סייעתא דשמיא אויף מכוין צו זיין לאמיתה של תורה. און ער זאגט, אז עס איז א חילוק צווישן די יונגע יארן, און די שפעטערדיגע יארן. אין די יונגע יארן דארף מען נישט אזויפיל סייעתא דשמיא אויף זכרון, ווייל די גמרא (שבת כא:) זאגט, אז גירסא דינקותא געדענקט א מענטש. וואס א מענטש זעהט און ער הערט אין די יונגע יארן, איז בטבע אז עס בלייבט אים אין זכרון, און עס איז נישט אזוי ווייט וויכטיג די סייעתא דשמיא אז מען זאל געדענקען וואס מען האט געלערנט אין די יוגענט. אין די יוגענט דארף מען אבער האבען סייעתא דשמיא אז מען זאל ריכטיג פארשטיין, און מכוין זיין לאמיתה של תורה. די שכל איז נאכנישט גענוג שארף, אין אדם עומד על דעת רבו עד ארבעים שנה (ע"ז ה.), ערשט ביי די פערציג יאר קומט מען צו צום ריכטיגען דעת. איז אין די יוגענט דארף מען האבען סייעתא דשמיא, אז ער זאל קענען פארשטיין וואס ער לערנט, און ער זאל מכוין זיין לאמיתה של תורה.

**ווען** עס קומען די עלטערע יארן, וואס מען האט שוין אזויפיל געלערנט, איז די קאפ שוין רייף, און עס איז גרינג אז מען זאל קענען צוקומען מכוין צו זיין לאמיתה של תורה, אבער דער זכרון הייבט אן נאכצולאזן אויף די עלטער, און מען האט נישט דעמאלטס דעם ריכטיגען זכרון אז מען זאל געדענקען, דארף מען האבען סייעתא דשמיא, אויף זכרון. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, ביידע זענען אמת. אויף צו פארשטיין לערנען, דארף מען האבען סייעתא דשמיא אין די יונגע יארן, און דעמאלטס איז נישט אזוי ווייט וויכטיג א ברכה אויף זכרון, ווייל זכרון האט מען בטבע. און אויף די שפעטערדיגע יארן, וואס דעמאלטס פארשטייט מען שוין לערנען, ווייל די שכל איז גענוג רייף, דארף מען האבען סייעתא דשמיא אז מען זאל געדענקען דאס לערנען.

**און** דער הייליגער **חתם סופר** זאגט, אז דאס איז פשט אין פסוק (תהלים עא-יח), וגם עד זקנה ושיבה אלקים אל תעזבני. שיבה מיינט מען די עלטערע יארן. זקנה איז אפילו ווען ער איז יונג, ווען ער איז

קונה חכמה, ווערט ער אנגערופן א זקן, זה קנה חכמה (קידושין לב:). 'וגם עד זקנה', ביז זקנה וואס דאס איז די יונגע יארן, וואס ער איז קנה חכמה, 'ושיבה', און אויף די עלטערע יארן, 'אלקים אל תעזבני', דארף מען מתפלל זיין, אז דער אייבערשטער זאל נישט איבערלאזן.

**בחורים** וואס לערנען ערליך, און פירן זיך ערליך, דאס גיט די סייעתא דשמיא אז מען זאל קענען צוקומען צו אמיתה של תורה, און מען זאל געדענקען תורה. מען האט זיך געפונען דא, אויסער די שטאט, אין אזא הייליגען מקום, מען האט נישט געזען קיין שום זאך וואס מען דארף נישט צו זעהן. נישט געזעהן א גוי פאר די אויגען, [אפילו דער גוי וואס איז דא ביי אונז, איז א שומר שבת, ער וויל נישט טון א מלאכה], מען האט נישט געזען קיין דרכי הגוים. ווען מען קומט אריין אין די שטאט, איז אן אנדערע וועלט. און מען דארף האבען שמירה ווי מען גייט און ווי מען שטייט, זיך נישט אנטשעפענען מיט א שלעכטען חבר, זיך נישט ארומדרייען אויף די גאסן, און נישט זעהן וואס מען דארף נישט צו זעהן. און מיט דעם האט מען נישט נאר געטון א דבר טוב, מען האט געטון וואס די תורה הייסט בשעת מעשה, נאר דאס איז דער גאנצער עתיד פון א בחור. אז ער זאל שטייגען אין תורה, דארף ער האבען די סייעתא דשמיא, און יראת ה' דאס איז די סייעתא דשמיא, אז מען זאל זוכה זיין צו תורה.

**עס** איז שוין חודש אלול, א חודש פון תשובה און נאנטקייט צום אייבערשטען, אני לדודי ודודי לי (שיר ו-ג), יעדער גייט אריין מיט אן ערליכע כוונה, זאל מען האבען די אמת'דיגע סייעתא דשמיא, צו שטייגען און אויסוואקסען אין תורה און יראה ווי עס דארף צו זיין.

*

**דעם** קומענדיגען יאר עפענט מען א ישיבה גדולה אויך דא, איך הער ב"ה אז א גרויס חלק פון די בחורים בלייבען דא אין די ישיבה גדולה. יעדער דבר חדש איז פארבינדען מיט שוועריקייטן, איך ווייס עס פון ביי אונז אויך, **אבער איך וויל ארויסברענגען די זכות פון די בחורים וואס בלייבען, זיי זאלן וויסען אז דאס איז א חלק פון די סייעתא דשמיא, אז מען זאל מצליח זיין שפעטער.** אויפצושטעלן א פרישען מקום תורה, וואס דער אייבערשטער וועט העלפען אז עס וועט אמאל זיין א ישיבה גדולה, [נישט נאר מיט דעם נאמען ישיבה גדולה, נאר עס זאל טאקע זיין גדולה בכמות ובאיכות], האבען די בחורים וואס האבען צוגעהאלפען דערצו א גרויסען זכות. זיי זענען די ערשטע אריינצושפרינגען דערין, און עס איז א סייעתא דשמיא וואס באגלייט שפעטער, מען קען עס נישט אנטאפן מיט די הענט יעצט, אבער עס באגלייט אויף שפעטער.

**איך** בין אן איינקל פונעם **קול אריה**, איך האב קיינמאל נישט געהערט דערציילן די מעשה ביי אונז אין שטוב, אבער א ווינער תלמיד האט מיר געזאגט, אז ער האט עס געהערט פונעם **וויענער רב זצ"ל**. דער **קול אריה** איז געווען א חריף עצום, מען קוקט אריין אין די תשובות זעהט מען זיין חריפות, אבער ער האט נישט געהאט קיין מזל אין לעבן, ער האט געהאט מחלוקת ווי ער איז געגאנגען. ער איז געווען רב אין בערעגסאז, און ער האט געמוזט איבערלאזן די רבנות, און אוועקגיין אויף מאד, צוליב די מחלוקת וואס ער האט געהאט. האט דער **וויענער רב זצ"ל** געזאגט, אז מען האט געזאגט, אז די סיבה פארוואס ער האט געהאט די מחלוקת איז געווען, ווייל ווען ער איז אלט געווען פערצן - פופצן יאר, איז ער געווען א תלמיד ביים **חתם סופר** אין ישיבה, דעם לעצטען יאר וואס דער **חתם סופר** האט געלעבט. ער איז געווען א יונגער בחור, אבער ער איז געווען א חריף, און דער **חתם סופר** האט זיך משתעשע געווען מיט אים.

**ווען** דער **חתם סופר** איז נסתלק געווארן, האט מען אויפגענומען דעם **כתב סופר** פאר רב אין פרעשבורג. פונעם **חתם סופר** ביזן **כתב סופר** אין די יונגע יארן, איז געווען אזוי ווי הימל מיט ערד. דער **חתם סופר** איז שוין געווען א זקן, און ער האט אויפגעשטעלט טויזענטער תלמידים, און באלאכטען די גאנצע וועלט מיט זיין תורה און זיינע תשובות, ער איז געווען דער רבן של כל בני

הגולה ווי מען ווייסט. און זיין זון דער **כתב סופר** איז געווען א יונגערמאן, ער איז אלט געווען עטליכע צוואנציג יאר, ווען ער האט איבערגענומען די רבנות, מיט די ישיבה. און עס האט זיך געטון דעמאלטס צווישן די בחורים אין ישיבה, צו מען זאל בלייבען ביים **כתב סופר** צו נישט. עס איז געווען גרעסערע גדולי ישראל פון דעם **כתב סופר** אלץ יונגערמאן. און מען האט ארויפגעקוקט אויף די גוטע בחורים וואס זיי גייען טון. און דער **קול אריה** איז אויך געווען פון די מופלגים פון די ישיבה, און דער **קול אריה** האט מחליט געווען אז ער בלייבט נישט ביים **כתב סופר**, און ער איז אוועקגעפארן לערנען ביים **שערי תורה**, דער **ווערבוי'ער רב**, א זקן און א גאון. האט דער **וויענער רב זצ"ל** געזאגט, אז מען האט געזאגט, אז דאס וואס ער איז אוועקגעפארן, ווען ער האט געהאט א מעגליכקייט אויפצובויען די פרעשבורגער ישיבה, און ער האט עס נישט אויפגעבויט, האט אים שפעטער געשאדט, אז ער האט געהאט מחלוקת אינעם לעבן.

**איך** וויל ארויסברענגען די געדאנק דערפון. **עס איז דא אמאל א סייעתא דשמיא, ווען א מענטש טוט א זאך, און עס דערקענט זיך נישט אויף די מינוט, אז ער האט מצליח געווען, אבער אין הימל איז דא א חשבון. שפעטער ווען מען וואקסט אויס, נעמט מען אין חשבון אז דער האט צוגעטון דערצו, אז עס זאל קענען ווערן אזא שיינער מקום תורה. איך וויל נאר פשוט געבן חיזוק פאר די וואס בלייבען, אז זיי זאלן וויסען דעם דבר גדול וואס זיי טוען, און יעדער איינער זאלן האבען סייעתא דשמיא, צו שטייגען אין תורה.** איר זאלט אלע האבען א גוט געבענטשט יאר, און מתוך שמחה וטוב לבב אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.